# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

114

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל
תל־אָבִיב
1984

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# ייִדיש, מײַן היימעלע ייִדיש!

דאָס איז געווען אין אַ שיינעם זוניקן טאָג. בערקלעי — און אויב מע זאָגט בערקלעי, דאָס מיינט: דער אוניווערסיטעט, דער קאַמפּוס — האָט זיך געטונקט אין טיפֿן גרין פֿון בערג. ס'איז געווען הויכער מיטנטאָג, „לאַנטש־שעה", איך בין געגאַנגען אין האַרץ פֿון קאַמפּוס אין דער ריכטונג צום דרום־טויער. אַרום מיר האָט געמיניעט אַ פֿאַרביקער שלל פֿון סטודענטן, אין די הונדערטער: אַפֿריקאַנישע ווײַס־לאַכעדיקע ציין, בלאָנד־צעפּאַליעטע מיידלקעפּ, ווייך־יאַפּאַנישע מאַנדלאויגן, אַ געמיש פֿון אַלערליי קולות, אַראַביש, כינעזיש, און אַלערליי לבֿושים.

איך בין געגאַנגען צווישן זיי און מײַנע שריט זענען געווען טרויעריק פֿאַר־טראַכטע. פּלוצלינג האָב איך זיך געפֿילט ווי אַן איבערגעבליבענער פֿון אַ זעלטענעם שבֿט, וואָס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען.

איך בין געקומען פֿון נאָך אַ לעקציע וואָס איך האָב הײַנט געגעבן, און איך האָב געהאַט אַ געפֿיל, ווי די סטודענטן וואָלטן מיך פּערזענלעך אַטאַקירט.

די טעמע פֿון מײַן קלאַס איז געווען — עסקאַטאָלאָגיע. די סטודענטן ווייסן אַז איך קום פֿון ישׂראל און אין בערקלעי האָבן דעמאָלט געאָטעמט די אייפֿאָריע־טעג פֿון שוואַרצן דזשעסי דזשעקסאָן אין זײַן מאַרש צום ווײַסן הויז. אָבער, חלילה, אין קלאַס פֿון סטודענטן און דאָקטאָראַנטן וועט מען ניט אַראָפּנידערן צום טאָג־טעגלעכן, דאָ איז מען עוסק אין „קץ הימים". אויב אַזוי פֿרעגן סטודענטן: וואָס איז עס פֿאַר אַ ייִדישער מיטאָס, הן תּלמודיש הן קאַבאַליסטיש, אַרום דעם געשאַפֿענעם באַגריף פֿון „חבֿלי משיח"? און בכלל, וואָס מיינט אין דער היסטאָריע דער נאָמען ייִד? וואָס און ווי איז זײַן שײַכות צום נבֿיאישן „קץ הימים"? צי בין איך נישט מודה אַז פֿאַר אונדזערע אויגן איז דאָס מאָל, ווידער אַ מאָל, אַוועק אין דער פֿאַרגעסנקייט דעם ייִדס לשון, דאָס מאָל האָט מען עס גערופֿן — ייִדיש.

איך בין געגאַנגען אין דער ריכטונג צום ספּראַול־סקווער. אָט איז דער באַרימטער ספּראָול־סקווער אין קאַמפּוס פֿון בערקלעי־אוניווערסיטעט. אין די זעכציקער יאָרן האָבן די סטודענטן דאָ, אויף אָט דעם פּלאַץ, אָנגעצונדן דאָס פֿײַער פֿון אויפֿשטאַנד אַנטקעגן דער מאַכט. פֿון אָט דעם ספּראַול־פּלאַץ איז דאָס פֿײַער אַרויס און האָט אָנגע־צונדן אַלע אוניווערסיטעטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. ווײַל בערקלעי איז אַ באַגריף; בערקלעי איז אַ פֿאָרגייער, אַן אַוואַנגאַרד, אַ וועגווײַזער.

ס'איז מיך באַפֿאַלן אַ דערשלאָגנקייט. אין העברעיִש רופֿט מען דאָס „חולשת־המוחין". אַרום מיר האָט געשטראָמט דער קלאַפּנדיקער דפּק פֿון פֿעלקער און לשונות. דזשעסי דזשעקסאָן ווערט דאָ דערוואַרט. ער וועט קומען אַהער ווי צו זײַניקע. דער זעלביקער דזשעסי דזשעקסאָן וואָס האָט אָקערשט עפֿנטלעך אויסגערופֿן: „מיר איז שוין נימאס צו הערן פֿון דעם ייִדישן האָלאָקאַוסט!"

בעצם בין איך געווען אויף מײַן וועג צו דער „פּלאַזאַ", דער קאַפֿע־רעסטאָראַן אין קאַמפּוס. איך האָב ליב טאָג־טעגלעך, אין דער איצטיקער שעה, דאָרטן צו זיצן אין

דער גרינקייט פֿון די ביימער בײַ אַ קאַווע מיט קוראַסאָן. דאָס מאָל איז מיר פֿאַרגאַנגען דער חשק. מײַנע פֿיס האָבן מיך געפֿירט אָן אַ ציל.

פּלוצלינג האָב איך דערפֿילט אַ פֿרײַנדלעכע האַנט אויף מײַן אַקסל. איך האָב זיך אויסגעדרייט: מיסטער סטענפֿאָרד!

זעקס מיליאָן ביכער זענען פֿאַראַן אין בערקלעיער ביבליאָטעק. נישט מער און נישט ווינציקער! זעקס מיליאָן. אַזוי, על־כּל־פּנים, האָט מען מיר, צווישן אַנדערן, מודיע געווען בשעת מע האָט מיך פֿאַרבעטן צו קומען קיין בערקלעי. סטענפֿאָרד איז דירעקטאָר איבער איינער פֿון די אָפּטיילונגען אין אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק.

ביז הײַנט ווייס איך נישט די צאָל שפּראַכן אין וועלכע סטענפֿאָרד פֿילט זיך ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן. פֿינף? אַכט? און אפֿשר צוועלף? בשעת דעם באַקאַנטשאַפֿט־צוזאַמענטרעף מיט מײַן פֿאַקולטעט האָב איך דאָרטן צום ערשטן מאָל געזען דעם ליבן סטענפֿאָרד, וואָס האָט מיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די קאָלעגן.

פֿאַרשטייט זיך אַז די קאָלעגן האָבן געקענט זייער סטענפֿאָרד און זײַן הומאָר, אָבער איך בין געזעסן מיט אויפֿגעריסענע אויגן אַן איבערגעראַשטער: פֿון וואַנען ווייס סטענפֿאָרד אַזעלכע פּרטים וועגן מיר, בעת איך בין געווען זיכער, אַז מײַן נעכטיק לעבן איז אַוועק צוזאַמען מיט אַ פֿאַרלוירענער וועלט?

שפּעטער האָב איך גענומען דעם ברייטבייניקן סטענפֿאָרד אין אַ זײַט. צו מײַן פֿאַרוווּנדערונג האָט ער מיר פּלוצלינג געענטפֿערט אויף אַ סאָרט ייִדיש, וואָס איז שווער צו באַשטימען צי ס'איז אַ ווילנער צי אַ וואַרשעווער, אַ טשערנאָוויצער צי אַ וויליאַמסבורגער, פּונקט ווי ס'איז שווער אויף זײַן קמץ־בערדלדיקן פּנים צו דערקענען זײַן באַהאַלטענעם געזונטן הומאָר: „איך האַבע געמאַכט מײַן היים־לעקציאָן, איך האַבע אַ מיס געטאָן אין דער ענגלישער ענציקלאָפּעדיע...“

איך האָב קיין מאָל נישט געוווּסט אַז אין דער ענגלישער ענציקלאָפּעדיע געפֿינט זיך אַזעלכעס. קיינער האָט בײַ מיר נישט געפֿרעגט.

איצט האָב איך כּמעט אַרומגעכאַפּט דעם גוטמוטיקן מענטשישן באַרג. סטענפֿאָרד איז אַרויס פֿון ביבליאָטעק צו זײַן לאַנטש. גאָט אַליין האָט אים איצט געשיקט צו מיר.

נאָך דעם ווי חדשים איז פֿון מײַן מויל נישט אַרויס קיין וואָרט אויף ייִדיש, האָט איצט פֿון מײַן קעל אַ שאָס געטאָן ווי אַ פּראָפּן פֿון אַ ברויזנדיקער פֿאַרקאָרקעוועטער פֿלאַש. דאָ, אויפֿן ספּראָול־סקווער פֿון בערקלעיער קאַמפּוס, צווישן פֿאַרביקן סטודענטן־שטראָם, האָט פֿון ערגעץ אַן אַטאַוויסטישער פֿאַרבאָרגעניש געשטראָמט פֿון מיר מיט פֿריידיקן הילכיקן ייִדיש וועגן אַלץ און אַלעמען, דאָס און יענץ, און וווּנדער איבער וווּנדער: סטענפֿאָרד, מיט זײַן אַרבע־מינימדיקן ייִדיש, ווי די אַרבע מינים אַרום לולבֿ, האָט מיר צוריקגעהילכט ווי אַ בת־קול.

דעמאָלט האָט פּאַסירט דאָס אומגלייבלעכע.

פֿאַרכליניעט אין דעם עקזאַלטירטן ייִדיש־אויסבראָך, אין דער מיט פֿון ספּראָול־סקווער, האָט אַ מאַן אין מיטעלע יאָרן זיך אומגעקערט אין מיטן זײַן גאַנג און זיך געוואָנדן צו אונדז:

— זײַט מיר מוחל פֿאַר מײַן שטערן, איך האָב געהערט אַז איר רעדט ייִדיש, האָב איך נישט געקענט גיין ווײַטער. איך האָב געפֿילט אַז איך מוז מיך צו אײַך דערנענטערן. דאָ, איז בערקלעי־קאַמפּוס, ייִדיש!

◉

אין „פּלאַזאַ" קאַפֿע־רעסטאָראַן זענען מיר געזעסן זאַלבע דריט: אָסקאַר בערלאַנד, געבוירן אין אַמעריקע, אַ לערער אין בערקלעי־אוניווערסיטעט, וווינט אין דערלעבנדיקן ריטשמאָנד. אַן עכטער אַמעריקאַנער. נישט קיין גראַטעוועטער פֿון חורבן, נישט קיין פּליט פֿון רוסלאַנד, געבוירן און דערצויגן אין אַ פֿרעמדער אַמעריקאַנישער סבֿיבֿה און... אַבאָנירט די גאָלדענע קייט, וואָס גייט אַרויס אין ישׂראל.

— מיך וווּנדערט — זאָגט אָסקאַר בערלאַנד — פֿאַר וואָס איך האָב נאָך נישט באַקומען דעם נומער הונדערט עלף פֿון די גאָלדענע קייט.

איך זיץ אַנטקעגן איבער דעם רעטעניש. אַפֿילו דער שטענדיק באַרעדעוודיקער סטענפֿאָרד שווײַגט. און איך הער די רייד און איך זע די קולות וואָס קומען פֿון אָסקאַרס בערלאַנדס מויל, ווי רינגעלעך קייטלען זיך אין אַ קייט, רינגעלעך וואָס לעבן אַ סודותדיק לעבן, אַ לעבן וואָס אונדזערע מוחות וועלן קיין מאָל נישט דערגיין ביזן סוף, רינגעלעך ווי נשמות וואָס זענען אין גאַנצן פֿרעמד פֿאַר דעם פֿאָרשערס לאַבאָראַ־טאָריע, אייביק פֿרעמד, ווי ס'איז פֿרעמד פֿאַר אונדזער מוח דער „אייביק" גופֿא.

נישט מיר און אַוודאי נישט די סטודענטן פֿון עסקאַטאָלאָגיע, קאָנען געבן אַ תּשובֿה, ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז אין אונדזערע טעג, ערגעץ אין אַן אָפּגעפֿרעמדטער סבֿיבֿה צום עצם וואָרט ייִדיש, ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל פֿון קאַליפֿאָרניע, וואַרט עמעצער אומגעדולדיק צו דערהאַלטן די ייִדישע גאָלדענע קייט.

אויך אָסקאַר בערלאַנד ווייס נישט די סיבה און האָט נישט קיין ענטפֿער אויף מײַנע שאלות. אָבער אין זײַנע תּשובֿות חזרט זיך איבער אַ פּסוק ווי אַ רעפֿריין:

— ייִדיש, מײַן היימעלע ייִדיש!